NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00249

# A MAYSELE IN GRAMEN FUN DRAY ZIN MIT A MAMEN

Mani Leib

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

# מאַני לייב



# אַ מעשהלע אין גראַמען
# פון דריי זין מיט אַ מאַמען

בילדער פון
עמאנועל ראמאנא

# מאטי לייב

# אַ מעשהלע אין גראַמען פון דריי זין מיט אַ מאַמען



בילדער פון
עמאנועל ראמאנא

נ.ק

# קינדער־רינג ביבליאָטעק

אַ מעשהלע אין גראַמען פון דריי זין מיט אַ מאַמען פון מאַני לייב
קאָלירטע בילדער פון עמאַנועל ראָמאַנאָ
שער־בלאַט געצייכנט פון נאָטע קאָזלאָווסקי
ליטאָגראַפישע פלאַטן געמאַכט פון נאָטע קאָזלאָווסקי

Copyright, 1937
by
FERLAG KINDER RING
of the Educational Committee
of the Workmens Circle

234

Digitized by the Internet Archive
in 2012

http://archive.org/details/nybc200249



די מאַמע מיט אירע דריי זין.

די מעשהלע — אַ מתנה
מיין מאַמען חיה שרה.

העט, אונטער זון און שטערן, ביז הימלשן געצעלט,
שטייט ווילד אַ באַרג אַ הויכער אין מיטן פון דער וועלט.

און ביי דעם באַרג צופוסנס אין נידעריקן טאָל
ליגט שטיל אַן אָרעם שטעטל אין שאָטנס אַלעמאָל.

דאָרט שטייען אַלטע שטיבלעך פון ברעטער און פון ליים,
אַ דאַך נאָר זיך צו שיצן, אַ נאָרע — נאָר אַ היים.

און אין אַזאַ־אָ שטיבל אַ גוטע מאַמע וואוינט
וואָס בעטלט מיט אַ טאָרבע ; דערפאַר איז זי באַלוינט

מיט דריי די שענסטע אוצרות — איר טייערער פאַרמעג,
מיט אוצרות דריי וואָס לויכטן און פרייען אירע טעג.

נאָר דאָס זיינען ניט אוצרות פון גאָלד און דימענטשטיין,
נאָר קינדער דריי, דריי יונגען — איר איינן בלוט און ביין.

און אַלע דריי — זיי וואַקסן — ווי ניט געזייטער קראָפּ,
און וואַקסן מאַמען איבער אודאי אויף אַ קאָפּ ;

נאָר אַלע דריי זיי וואַקסן ניט ווי די מאַמע וויל,
און מאַמע טראָגט אין האַרצן דריי וואונדן אין דער שטיל.

און ווי די דריי די יונגען פאַרדינען זיך אַליין —
אַזוי האָבן זיי נעמען וואָס זיינען גאָר ניט שיין.

דעם עלטסטן רופט מען פרעסער, ווייל ער האָט ליב געהאַט
אויף ביידע באַקן עסן, — און גאָרניט ווערן זאַט ;

און נאָר ער וואָלט געגעסן, און ווען מען לאָזט אים נאָר,
וואָלט ער אויך איינגעשלונגען דעם גאַנצן שור־הבר.

דעם צווייטן — רופט מען פוילער, ווייל ווער איז פויל ווי ער ? —
אפילו זיך צו פוילן איז אים געווען שוין שווער.

ווער רעדט שוין דאָ פון טראַכטן, פון זיצן, שטיין און גיין, —
אַז רק ער וואָלט געלעגן אַ פוילער ווי אַ שטיין.

און דודע — הייסט דער דריטער, ווייל ער האָט חשק זיין
אַ פּייפער אויף דער דודע גלאַט אין דער וועלט אריין;

און ער וואָלט אויף דער דודע געדודעט פרי און שפּעט
אָן אויפהער און אָן תכלית פון אַלצדינגג וואָס ער זעט . . . .

און מאַמען מיט איר טאָרבע איז ביטער סיי־ווי־סיי
מיט דריי אַזעלכע יונגען אַזעלכע קינדער דריי.

און אַלע דריי גיב עסן, דעם פרעסער — גיב אים נאָך!
און שווער איז פאַר דער מאַמען צו טראָגן אַזאַ יאָך.

* * *

ביז איינמאָל אין אַ שבת, דער טיש איז פיין געדעקט,
דעם טשאָלנט אָפּגעגעסן, די טעלער אויסגעלעקט,

און דודע און דער פוילער, נאָך מיט אַ פולן מויל —
גייט דודע דודען דודע און פוילער גייט זיין פויל.

נאָר פרעסער — ווי געזעסן ביים טיש און אויף זיין שטול,
ער האַלט נאָך אין איין עסן — די ביידע באַקן פול.

די מאַמע זיצט אַנטקעגן און זיפצט זיך אין דער שטיל:
זאָל אים נאָר וואויל באַקומען — נאָר ווער עסט אַזוי פיל?

דעם קיסרס גרויסן אוצר ווען זי וואָלט כאָטש געהאַט,
וואָלט אויך דאָך ניט געסטייעט דעם יונג צו מאַכן זאַט.

נאָר פון דעם פרעסערס פּיסקעס, די פעטע באַקן צוויי,
קומט מאַמען צו אַ חיות — אַז אַ געזונט אין זיי!

דאָך מיט אַזוינע פּיסקעס ווען ער כאָטש טוט אַ קלער
פון זוכן זיך אַ תכלית — אַ יונג אַזאַ ווי ער!

איז טראַכט אַזוי די מאַמע, און ניט צום ערשטן מאָל.
נאָר פּלוצלינג זאָגט די מאַמע מיט אַ געבראָכן קול:

„מיין קינד, דיין לעצטן בּיסן שלינג צו געזונט אַראָפּ,
נאָר מאַמעס קלוגע ווערטער נעם גוט אריין אין קאָפּ.

אַ חיה לעבט פאַר עסן, — ס׳איז אַלץ וואָס זי פאַרשטייט,
אַ מענטש נאָר עסט צו לעבן און אַרבעט פאַר זיין ברויט.

מיר האָבן מאָרגן זונטיק, און מאָרגן אין באַגין,
פאַרלאָז דיין מאַמעס שטיבל און גיי דיין גליק געפין.

ניי מיט דעם שמאָלן שטעגל אַרויפֿצו אויף דעם באַרג,
דאָרט וואוינט דיין עלטער־פּעטער וואָס איז אי רייך אי קאַרג.

ער האָט אַ גוטן סימן: ער האָט נאָך פֿון זיין ברית
די נעגל פֿון אַ שפּאַרבער אויף זיינע ביידע פֿיס.

איז קום צום עלטער־פּעטער און קלאַפּ אין טויער אָן
און בעט אַ היים און אַרבעט, ווייל אַרבעט דאַרף מען טאָן!

און פֿלייסיק זיי און גינציק, דיין ברויט אין אַרבעט עס,
און מיך און דיינע ברידער אין פֿריידן ניט פֿאַרגעס!"

* * *

און מאָרגן אין באַגינען, דאָס גאַנצע שטעטל ליגט
אין טיפֿער נאַכט פֿאַרזונקען, אין זיסן שלאָף פֿאַרוויגט,

נאָר אין דעם אָרעם שטיבל דאָס לעמפּל פֿינקלט אויף
און טרייבט דורך מוטנעם שייבל די שאָטנס פֿון דעם הויף,

און אין דעם קליינעם שטיבל פֿון קוימען גייט אַ רויך;
די מאַמע מיט די ברידער, אפֿילו פֿוילער אויך,

באַגלייטן אוים דעם פּרעסער ארוים אין פֿרעמדער ווייט
און ווינטשן ער זאָל ווערן אַ לייט מיט אַלע לייט.

* * *

פֿאַרלאָזט דער ליבער פּרעסער דער מאַמעס גוטע היים,
דאָס שטעטל און די שטיבלעך פֿון ברעטער און פֿון ליים,

און מיט דעם ווייטן שטעגל אַרויף, געדרייט און שמאָל,
פֿאַרלאָזט דער ליבער פּרעסער דעם נידעריקן טאָל.

און מיט דעם ווייטן שטעגל ארויפֿצו, אויף דעם באַרג, —
ער גייט צום עלטער־פּעטער, וואָס איז אי רייך אי קאַרג.

* * *

דאָס שטעגל איז נאָך פֿינצטער, אַ פֿריאיק ווינטל ציט,
און אונדזער ליבער פּרעסער — ער גייט און שטעלט די טריט.

אַ מייל שוין אָפּגעגאַנגען, און אָט, צום ערשטן מאָל,
אים טוט אַ צי אין האַרצן אַ בענקעניש צום טאָל,

צו מאַמע און צו ברידער... און אַז ער קוקט אַראָפּ —
צעעפֿנט זיך אַן אָפּגרונט, פֿאַרשווינדלט אים דער קאָפּ.

איז גייט זיך פּרעסער ווייטער, זיין וועג אַרויף איז שווער,
און שווער איז אויפן האַרצן די נאָגנדיקע טרער.

ערשט אויפן באַרג, דאָרט אויבן, העט, אויף דער סאַמע הייך,
ברעכט ליכט מיט גאָלד און זילבער דורך גרינגן טוי און רויך.

און אָט — איין קליינע רגע דאָס ליכט גייט אויף אין פּלאַס
און נאָך איין קליינע רגע דער פּלאַס ווערט ווי אַ ים.

רייסט פּרעסער אויף די אויגן: וואָס איז אַזוינס געשען? —
אַזוי פיל ליכט אין איינעם האָט ער נאָך ניט געזען.

דאָס איז די זון דאָך, פּרעסער, וואָס איז מיט ליכט ניט קאַרג
צום ערשטן און מיט פולן געקומען אויפן באַרג.

און באַלד אין פּרעסערס האַרצן די זון איז אויך אַריין
און אויסגעקושט די טרערן מיט פולע הויפנס שיין.

גייט אונדזער פּרעסער ווייטער, דאָס שטעגל איז זיין וועג —
איז גייט ער גרינג און פריילעך — איז גייט ער הונדערט טעג.

* * *

העט, אויפן באַרג דעם הויכן, וואוהין דער פּרעסער גייט,
און אויף דעם סאַמע אויבן, אַ וואונדער-פּאַלאַץ שטייט.

ווי קומט אַהין אַ פּאַלאַץ? — דאָס ווייס דער באַרג אַליין;
ער שטייט אויף זיבן זיילן פון ריינעם מירמלשטיין.

זיין דאַך פון גאָלד געשלאָגן און אויף דעם שפּיץ פון דאַך, —
אַ האָן — אין קאַם אַ דימענט — שטייט שטענדיק אויף דער וואַך;

אַז ווען פון אַל-די ווייטן אַ פרעמדער קומט פון טאָל,
הייבט אָן דער האָן צו קרייען דריי מאָל צו זיבן מאָל;

און רונד אַרום דעם פּאַלאַץ, פון האַרטן שטאָל געשמידט,
די טויערן און טירן, — צי צייל צי צייל זיי ניט, —

די טויערן און טירן, זיי פירן גלייך אַפיר —
צו יעדער הויף אַ טויער, צו יעדער זאַל אַ טיר.

ביי יעדער טיר און טויער אַ בראַווער היטער שטייט,
ער שטייט מיט וואַכע אויגן מיט פייל און בויגן גרייט.

און אין דעם וואונדער-פּאַלאַץ וואוינט איינער און אַליין
דער באַלעבאָס פון פּאַלאַץ, אַן אַלטער מאַן, אָן ציין,

און מיט אַ נאָז אַ לאַנגער — אַ שנאָבל פון אַ ראָב —
און אָן אַ קינד אַ יורש צו ירשענען זיין האָב.

* * *

הוי, אין דעם וואונדער־פּאַלאַץ, וואָס איז אַזוינס געשען ?
און פון דעם דאַך פון פּאַלאַץ, וואָס האָט דער האָן דערזען ?

וואָס קרייט ער דאָ צעשראָקן דריי מאָל צו זיבן מאָל ? —
צי זעט ער דאָ אַ פרעמדן וואָס קומט ארויף פון טאָל ?

דאָס איז דאָך ניט קיין פרעמדער, דו נאַרישער, דו האָן,
דאָס קומט דאָך מיט דעם שטעגל דער ליבער פרעסער אָן !

נאָר איידער וואָס און ווען — אַ טומל — אַ געלאַף,
די היטער ציען בויגנס און פיילן — פּיף און פּאַף !

און שאַרפע פיילן פליען פון אומעטום און קנאַק ! —
און איינע פון די פיילן טרעפט פרעסערן אין באַק...

נאָך גוט וואָס אונדזער פרעסער האָט פּעטע באַקן צוויי
אַניט וואָלט אונדזער פרעסער געוועזן אַז אָך און וויי.

ווייל גראָד האָט דאָ זיין פעטקייט אים צוגעשפּילט מיט גליק:
די פייל וואָס האָט געטראָפן — שפּרינגט אויף אַ מייל צוריק.

אַניט — וואָלט אונדזער מעשה, דאָ ביי דעם לעצטן סטראָף,
מיט פרעסערן אין איינעם געהאַט אַ שלעכטן סוף.

נאָר אונדזער ליבן פרעסער איז דאָך באַשערט געווען,
זיין מאַמע זאָל דערלעבן אַ לייט אין אים צו זען ;

און אויך פאַר אונדזער מעשה איז דערפאַר באַשערט
צו ווערן לענגער, ברייטער, — דעריבער — שווייגט און הערט.

* * *

נאָך איידער פון דעם פּאַלאַץ דער נאַר, דער וואַכער האָן,
האָט פון זיין שפּיץ דערשראָקן דעם ערשטן קריי געטאָן, —

איז גראָד ביי זיך אין פּאַלאַץ דער באַלעבאָס אַליין
אין שאַצקאַמער געזעסן ; אַן אַלטער מאַן, אָן ציין,

און מיט זיין נאָז אַ לאַנגער — אַ שנאָבל פון אַ ראָב, —
איז ער אַזוי געזעסן און האָט געציילט זיין האָב :

די אוצרות מיט די רענדלעך אין פעסלעך און אין זעק;
ער ציילט און די געדאַנקען באַפאַלן אים מיט שרעק:

„איך האָב די אַלע אוצרות, און מיר איז אַלץ נאָך קאַרג,
געבויט דעם וואונדער־פּאַלאַץ דאָ אויף דעם הויכן באַרג.

נאָר אַלע מיינע אוצרות, וואָס זיינען דאָ פאַראַן,
זיי מאַכן דאָך ניט יינגער דעם אַלטן גרויען מאַן.

און איך וועל עלטער, שוואַכער, און אייביק לעבט מען ניט,
און האָב מיט זיך אין קבר נעמט קיינער דאָך ניט מיט!

די אוצרות וועלן בלייבן, און איך — אַליין — אַ שטיין,
קיין יורש בלייבט ניט איבער נאָך מיר און מיין געביין...״

איז ווי ער זיצט און טרויערט, געזונקען אין זיין צער,
קומט אַ באַדינער מעלדן: „הער אויס, מיין גוטער האַר!

דער האָן געקרייט האָט אָקאָרשט דריי מאָל צו זיבן מאָל,
ער האָט דערזען אַ פרעמדן ארויפקומען פון טאָל;

און די געטרייע היטער, מיט פיילן פלינק און שאַרף,
זיי האָבן יענעם פרעמדן באַגעגנט ווי מע דאַרף...

נאָר יענער מאָדנער פרעמדער ער איז אַזוי די דיק...
אים נעמען ניט קיין פיילן — זיי שפּרינגען אָפּ צוריק...״

דער באַלעבאָס דער אַלטער, דערהערט אַזאַ מין נייס,
איז אים די נאָז — דער שנאָבל — פון שרעק געוואָרן ווייס.

„ווער איז יענער פרעמדער, וואָס איז מיט מוט באַרייט
צו קומען צו מיין פּאַלאַץ אָן מורא פאַר זיין טויט?״

און אין זיין גרויסן צאָרן ער גיט דאָ אַ באַפעל,
צו ברענגען יענעם פרעמדן אין פּאַלאַץ פאַר זיין שוועל.

און זיבעצן באַדינער, זיי לויפן אויס און איין,
און ברענגען אונדזער פרעסער אין פּאַלאַץ באַלד אַריין.

דער באַלעבאָס פון פּאַלאַץ, ער מעסט דעם פרעסער אָפּ
מיט אַלטע קלוגע אויגן פון אויבן ביז אַראָפּ,

און פרעגט ביי אונדזער פרעסער מיט נאָר אַ שטרענגן קול:
„צו וואָס ביסטו צום פּאַלאַץ געקומען פון דעם טאָל?״



„גיי, פּרעסער, זיי אַ קוכער, דאָ אין קיך ביי מיר . . .“

און פּרעסער נעמט דערציילן, אַז ערגעץ, אויף דעם באַרג,
דאָ וואוינט זיין עלטער־פעטער, וואָס איז אי רייך אי קאַרג.

דער פעטער האָט אַ סימן — ער האָט נאָך פון זיין ברית
די נעגל פון אַ שפּאַרבער אויף זיינע ביידע פיס.

איז גייט ער דאָס צום פעטער, און ווי ער קומט נאָר אָן,
וועט ער ביים פעטער בעטן אַ היים און וואָס צו טאָן.

און אים — אים רופט מען פּרעסער, ווייל ער איז אַזאַ יאַט
וואָס עסט אויף ביידע באַקן און קען ניט ווערן זאַט...

דער באַלעבאָס פון פּאַלאַץ דערהערט אַזוינע רייד,
האָט אין זיין אַלטן האַרצן דערפילט אַ גרויסע פרייד.

אַ פרייד מיט אונדזער פּרעסער? — דאָס איז פאַר אונדז ניט קלאָר,
ווייל ער האָט באַלד פאַרבאָרגן וואָס אין זיין האַרץ קומט פאָר.

נאָר מיט אַ זיסער מינע און מיט אַ גוטן גלעט,
מיט ריידעלעך מיט פאַלשע דעם פּרעסער איינגערעדט:

אַז אויף דעם באַרג דעם הויכן, — איז חוץ דעם פּאַלאַץ דאָ,
אויף טויזנט מייל און ווייטער, קיין הייזער גאָר ניטאָ.

און פון זיין עלטער פעטער, — דער באַרג האָט ניט געדאַכט,
מסתמא האָט זיין מאַמע אַ טעות דאָ געמאַכט...

און פּרעסער זאָל פאַרבלייבן אין פּאַלאַץ ווי ביי זיך
און זאָל זיין היים געפינען אין פּאַלאַץ אויף דער קיך;

דאָרט וועט ער זיין אַ קוכער, אויך עסן — צו געזונט.
ער זאָל נאָר רואיק וואַרטן ביז נאָר זיין מזל קומט...

און מיט אַן אַלטן פינגער באַווייזט ער אויף אַ טיר:
„גיי, פּרעסער, זיי אַ קוכער, דאָ אין דער קיך ביי מיר..."

און די באַדינער תיכף, זיי נייגן, בייגן זיך,
און פירן אונדזער פּרעסער צו לעבן אויף דער קיך.

* * *

אוי, פּרעסערל, דו פּרעסער, אוי, בחורל, דו פיין,
צי איז פאַר דיר אַ תכלית דאָ אויף דער קיך צו זיין?

דו ביסט דאָך גאָר געגאַנגען אַהערצו אויפן באַרג
צום ווייטן עלטער־פעטער, וואָס איז אי רייך אי קאַרג!

און דו ביסט גאָר פֿאַרקראָכן אַהין און ניט אַהער,
דאָ אין דעם וואונדער־פּאַלאַץ, אַ פֿרעמדער ווי אַ גר . . .

אוי, פּרעסערל, דו ליבער, אוי, פּרעסערל דו פֿיין.
מיט ווילד און פֿרעמדע מענטשן, וואָס וועט שוין פֿון דיר זיין ?

נאָר פּרעסער וויל ניט טראַכטן, וואָס שפּעטער וועט געשען,
ער האָט גענוג צו עסן — איז עסט ער ווי ער קען !

ער עסט אויף ביידע באַקן און מיט פֿולן מויל ;
איז וואָס זשע דאַרף ער טראַכטן אַז אים איז איצטער וואויל ?

נאָר פּרעסער טוט אויך אַרבעט, און וואָס ער טוט איז גוט,
אים לויבן אַלע קוכערס פֿאַר אַלץ נאָר וואָס ער טוט.

און פּרעסער טוט זיין ארבעט, נאָך בעסער ווי מען דאַרף ;
דאָ הייצט ער גרויסע אויוונס און מאַכט די מעסערס שאַרף,

און שניידט די פֿעטע אָקסן ביז צו די גרויסע קעפּ
און וואַרפֿט די גאַנצע פֿריידיקס גלייך אין די הייסע טעפּ.

נאָר פּרעסער איז צום בעסטן ווען ער קאָכט אָפּ די פֿיש —
די שליינען אין די פֿאַנען — כאָטש טראָג צום קיסרס טיש.

נאָר ער איז נאָך צום בעסטן ווען ער בראָט איין מיט שמאַלץ
די אינדיקעס און קאַטשקעס מיט ענגלנווירץ און זאַלץ.

און נאָך איז ער צום בעסטן ווען ער פֿאַרקנעט אַ טייג
און טוט די גרויסע לאַבנס אין אויוונס אַ צעלייג !

נאָר ער איז גאָר צום בעסטן ווען ער באַקט אָפּ אַ טאָרט
מיט נעגעלעך און צימרינג פֿון גאָר דעם שענסטן סאָרט.
און פּרעסער — אַזאַ בריה — איז ווערט ער זייער גיך
דער הויפּט פֿון אַלע קוכערס דאָ אויף דער גרויסער קיך.

ער טראָגט אַ ווייסן פֿאַרטעך, אַ ווייסע ברייטע הוט
מיט זיבן הויכע שפּיצן . . . און פּרעסערן איז גוט.

נאָר . . . אָך און ווי דער גוטסקייט . . . ווייל וואָס דער פּרעסער פֿילט,
באַהאַלט ער פֿון די קוכערס פֿאַרבאָרגן און פֿאַרהילט.

נאָר אויף דער קיך, די קוכערס, זיי הערן אין די נעכט,
ווי פּרעסער וויינט אין חלום ווייל אים איז זייער שלעכט . . .

און טאַקע... וועלכער יינגל, ווען אים זאָל אויך געשען
וואָס מיט דעם ליבן פרעסער, — וואָלט אַנדערש דען געוועןּ?

אַ וויסן פאַרטעך טראָגן און אויך אַ הויכע הוט
און זיין אַן אייבער־קוכער איז טאַקע זייער גוט;

נאָר זיין פאַרנאַרט אין פּאַלאַץ ווי פרעסער איז פאַרנאַרט
און וואַרטן אויפן מזל ווי אונדזער פרעסער וואַרט,

און מיט דער גוטער מאַמען און ברידער זיין געשיידט, —
איז זייער, זייער ביטער, איז ביטער ווי דער טויט.

און פרעסערן איז ביטער און טרויעריק ביז גאָר...
און אָט אַזוי לעבט פרעסער אַ קיילעכדיקן יאָר.

* * *

און אין דעם קליינעם שטיבל, העט, אונטן אין דעם טאָל,
איז ביטערער און שווערער, נאָך שווערער ווי אַמאָל.

דער פוילער פוילט זיך פוילן ווי עס באַדאַרף צו זיין...
און דודע דודעט דודע גלאַט אין דער וועלט אַריין.

און וואָס איז מיט דער מאַמען? — איר איז דאָך ווי און ווינד,
אָן פרעסערן איר לעבן, אָן פרעסערן איר קינד.

אַ בלייבע פאַר דעם שייבל אַז רק זי קוקט ארוים,
אויף פרעסערן — איר חיות — די אויגן קוקט זי אוים;

איז זיצט זי פאַר דעם שייבל, איז זיצט זי פאַר דער טיר,
אַז טאָמער ברענגט די פּאַווע אַ בריוועלע צו איר,

אַז טאָמער ברענגט די פּאַווע אַ בריוועלע צו איר
מיט ווערטעלעך מיט שוואַרצע אויף ווייסינקן פאַפּיר...

איז וואַרט זי אויף דער פּאַווע אַ קיילעכדיקן יאָר,
און בלייבער ווערט איר פּנים און גרויער אירע האָר.

* * *

אַ יאָר איז שוין פאַרגאַנגען, אַ צווייטער קומט שוין אָן,
באַקלערט די גוטע מאַמע וואָס זי וועט איצטער טאָן:

זי וועט דעם פוילער שיקן אַרויפצו אויפן באַרג
נאָך פרעסערן צום פעטער, וואָס איז אי רייך אי קאַרג.

און שבת נאָכן טשאָלנט, נאָך מיט אַ פולן מויל,
גייט דודע דודען דודע און פוילער גייט זיין פויל.

נאָר איידער אונדזער פוילער ער גיט זיך קוים אַ קער,
זאָגט שטיל די גוטע מאַמע: „מיין קינד, זייַ שטיל און הער:

אַ שטיין איז נאָר אַ פוילער, ער איז דערפאַר אַ שטיין.
דערפאַר איז ער אויך עלנט און קען דאָס ניט פאַרשטיין.

ער ליגט זיין גאַנצן לעבן, ביז ער פאַרוואַקסט מיט מאָך...
נאָר דו מיין קינד, ניט פויל זיך, העלף טראָגן מיר דעם יאָך!

מיר האָבן מאָרגן זונטיק, און מאָרגן אין באַגין,
גיי אויף דעם באַרג צום פעטער און פרעסערן גנעפין.

דיין פעטער האָט אַ סימן: ער האָט נאָך פון זיין ברית
די נעגל פון אַ שפּאַרבער אויף זיינע בײדע פיס.

גיי מיט דעם שמאָלן שטעגל, און ווי דו קומסט נאָר אָן
און פרעסער קומט אַנטקעגן, — איז אָט וואָס דו זאָלסט טאָן:

אין זיינע בײדע באַקן גיב הייסע קושן פיר,
גיב צוויי פון דיר און דודען און הייסע צוויי פון מיר.

דערנאָך דערצייל דעם אמת ווי מיר איז ווינד און ווײ:
דריי קינדער אויסגעבאָוועט און האָב נאָר צער פון זיי.

וואָס איינער פייפט נאָר דודע, און איינער פוילט זיך נאָר,
און איינער לעבט פאַרוואָגלט אַ קיילעכדיקן יאָר.

נאָר טאָמער האָט דיין ברודער געפונען דאָרט גרויס גליק,
און שעמט זיך מיט דער מאַמען, — איז קום אַליין צוריק.

נאָר טאָמער איז אים ביטער צו זיין מיט פרעמדע לייט, —
איז קומט אַהיים אין איינעם און לעבט ביי מאַמעס זייט;

מיין ווײסטע בעטל-טאָרבע, וואָס מיר איז שוין באַשערט,
וועט אונדז דערנערן ווייטער ווי זי האָט אונדז דערנערט.

אין אָרעמקייט אין גרעסטער איז אויך אַ מאַמען גוט,
אַבי צו זיין אין איינעם מיט איינגן פלייש און בלוט.

און דו מיין קינד, מיין פוילער, געדענק און פויל זיך ניט,
דו גייסט באַגינען, מאָרגן, און נעם מיין ברכה מיט...”

און מאָרגן, אין פרימאָרגן, ביים ערשטן קריי פון האָן
די מאַמע וועקט דעם פוילן און האָדעוועט אים אָן,

און טוט אים אָן צוויי שקראַבעס, און וואַשט אים און פאַרצוואָגט,
און פירט אים פון דעם שטיבל, נאָך איידער ווען עס טאָגט;

זי פירט אים צו דעם שטעגל, וואָס פירט ארויף פון טאָל.
דורך וואַנען אונדזער פרעסער איז אויך אַוועק אַמאָל.

און מאַמע קען איר פוילער, באַגלייט זי אים דערוויייל
אַרויפצו, באַרג ארויפצו, אַ גאַנצן לאַנגן מייל.

דער וועג אַרויף ווערט שווערער, זי פאַלט שוין פון די פיס,
זי ווישט דעם שוויים פון פּנים און שמייכלט האַרציק זיס:

„און איצט, מיין קינד, גיי ווייטער, און אַלע מאַמעס רייד,
און אַלע מאַבעס עצות געדענק אין פרייד און לייד".

און לאָזט דעם פוילער איבער אַליין, אָט ווי ער שטייט,
אין זיינע ביידע שקראַבעס. און מאַמע — קוים זי גייט,

זי גייט צום טאָל אַרונטער. און דורך דעם גאַנצן טאָל
הילכט באַלד פון קליינעם שטיבל דער מאַמעס יאָמער־קול.

* * *

ווען פוילער איז געבליבן אין זיינע שקראַבעס שטיין
אליין אין מיטן שטעגל און דאַרף שוין ווייטער גיין, —

האָט פונקט אין יענער רגע העט, הויך, און אומגעריכט
מיט העלן גאָלד און זילבער גענומען אויפגיין ליכט.

און אָט — איין קליינע רגע דאָס ליכט גייט אויף אין פלאַם,
און נאָך איין קליינע רגע דער פלאַם ווערט ווי אַ ים.

דאָס איז די זון די גוטע וואָס איז מיט ליכט ניט קאַרג
ווי אַלע טאָג געקומען צום ערשטן אויף דעם באַרג.

רייסט פוילער אויף די אויגן און עפנט ברייט דאָס מויל
און קוקט, באַטראַכט דעם וואונדער, כאָטש ער איז זייער פויל.

נאָר באַלד נעמט פוילער טראַכטן: „די זון איז זייער שיין
און וואַרעמט אַ מחיה און וואַרעמט ביז אין ביין

און שלעפּן זיך צום פּרעסער אַזש ביז דעם שפּיץ פון באַרג
צום ווייטן עלטער-פּעטער, וואָס איז אי רייך אי קאַרג —

איז פאָלג מיך אַ מהלך, שוין בעסער ליגן דאָ
און וואַרעמען די ביינער און פוילן זיך אַ שעה...״

און פוילער מיט די שקראַבעס און אין זיין גאַנצער גרייס
דאָ ביי דער זייט פון שטעגל ער ציט זיך ברייטלעך אויס.

און פוילער פוילט זיך טראַכטן, — צעגייט אַזש אין זיין פרייד, —
פון מאַמעס גוטע עצות, פון מאַמעס אַלע רייד.

און פוילער פוילט זיך טראַכטן אַז ערגעץ דאַרף ער גיין;
איז בלייבט ער אַזוי ליגן אַ פוילער ווי אַ שטיין.

איז בלייבט ער אַזוי ליגן אין זיינע שקראַבעס צוויי
אַ זומער מיט אַ ווינטער אין רעגן און אין שניי.

אים טריקענען די היצן, אים פרירט דער שטאַרקער פראָסט
און שטויב און זאַמד און ווינטן פאַרדעקן אים מיט ראָסט —

איז בלייבט ער אַזוי ליגן . . . ביז פוילער ווערט דערנאָך
אַ פוילער שטיין פאַרוואָקסן מיט גראָבן, גרינעם מאָך.

איז ליגט אַזוי דער פוילער ווי גאָרניט אויף דער וואָר
אַ זומער און אַ ווינטער — אַ קיילעכדיקן יאָר.

* * *

און אין דעם קליינעם שטיבל די מאַמע טראַכט מיט שרעק:
„צוויי יאָר זיינען פאַרלאָפן זינט פּרעסער איז אַוועק,

און אָט איז שוין פאַרלאָפן אַ יאָר — אַ צווייטער גייט
זינט זי האָט באַרג אַרויפצו דעם פוילער אויסבאַלייט.

זי קען פאַרשטיין דעם פוילער אפילו ערגעץ, דאָרט . . .
נאָר פּרעסער זאָל זיך פוילן צו שיקן כאָטש אַ וואָרט!״

אָ, מאַמעניו, אוי, מאַמע, דו ווייסט גאָרניט אליין,
אַז פוילער ליגט ביים שטעגל אין מאָך אַ פוילער שטיין.

און אַז אין וואונדער-פּאַלאַץ דיין פּרעסער לעבט פאַרנאַרט
און איז דער אייבער-קוכער און אויף זיין מזל וואַרט . . .



ליגט ער אַ שטיין פֿאַרוואָקסן מיט גרינעם גראָבן מאָך.

נאָר מאַמע וואַרט ביים שייבל און וואַרט אויך ביי דער טיר
אַז טאָמער ברענגט די פּאַווע צוויי בריוועלעך צו איר,

אַז טאָמער ברענגט די פּאַווע צוויי בריוועלעך צו איר
מיט ווערטערלעך מיט שוואַרצע אויף ווייסינקן פּאַפּיר.

* * *

ביז איין מאָל אין אַ שבת דער טיש איז פֿיין געגרייט,
דעם טשאָלנט אָפּגעגעסן און דודע איז שוין גרייט

גיין דודען אויף דער דודע גלאַט אין דער וועלט אַריין, —
זאָגט שטיל די גוטע מאַמע: „מיין דודע, הער זיך איין:

צו דודען אויף דער דודע איז אפשר יאָ קעדיי,
איז דאָס געערדט געוואָרן ווען פרייד איז אויך דערביי,

נאָר דאָ אין אונדזער שטיבל ווי אין דיין מאַמעס האַרץ
אָן דיינע ביידע ברידער איז לײדיק, וויסט און שוואַרץ.

מיר האָבן מאָרגן זונטיק, און מאָרגן אין באַגין
ניי אויף דעם באַרג דעם הויכן די ברידער דאָרט געפֿין,

איך האָב זיי מיט דעם שטעגל געשיקט ארויף דעם באַרג
צום וויטן עלטער־פעטער וואָס איז אי רייך אי קאַרג.

איז נעם דעם פעטערס סימן: ער האָט נאָך פון זיין ברית
די נעגל פון אַ שפּאַרבער אויף זיינע ביידע פים.

איז ווי דו טרעפסט די ברידער די ביידע גרויסע לייט
דערמאָן זיי אַז אַ מאַמע לעבט אויך נאָך ערגעץ ווייט.

נאָר ניין, דערצייל זיי בעסער אָט ווי און וואָס איך מאַך;
און גיב זיי מיינע ווערטער נאָר מינער ניט קיין זאַך:

אַז צי זיי האָבן אומגליק, אַז צי זיי האָבן גליק, —
די מאַמע בעט זיי קומען אַהיים צו איר צוריק.

אין אָרעמקייט אין ערגסטער איז אויך אַ מאַמען גוט
אַבי צו זיין אין איינעם מיט איינן פליייש און בלוט.

איז קומט צוריק אין דרייען, דאָ מיט דעם שטעגל גלייך
און דאָ ביים שמאָלן שטעגל די מאַמע וואַרט אויף אייך."

* * *

און מאָרגן, אין פרימאָרגן באַוויַזט זיך מיטאַמאָל
אַ שאָטן אין דער פֿינצטער און שלייכט זיך דורך דעם טאָל.

ער שלייכט פֿאַרביי די שטיבלעך ביי פֿרעמדן פּלויט און הויף
און קומט אַזוי צום שטעגל וואָס ציט צום באַרג אַרויף.

נאָר דאָס איז ניט קיין שאָטן וואָס וואַנדלט גלאַט אַ דאָ
און אַז אַ האָן נעמט קרייען פֿאַרשווינדט ער און ניטאָ.

דאָס איז דאָך אונדזער דודע אַזש מיט דעם ערשטן קריי,
דאָס גייט ער מיט דעם שטעגל צו זיינע ברידער צוויי.

און דודע מיט דער דודע — דאָס שטעגל איז זיין וועג;
און קומען באַרג-ארויפֿצו דאַרף נעמען הונדערט טעג.

איז גייט ער באַרג-ארויפֿצו און אים זאָל פֿריילעך זיין —
איז נעמט ער דודען דודע גלאַט אין דער וועלט אריין.

איז ווי ער נעמט נאָר דודען, ערשט אויבן, אין דער הייך,
אַ ליכט מיט גאָלד און זילבער גייט אויף דורך טוי און רויך.

און אָט — איין קליינע רגע דאָס ליכט גייט אויף מיט פֿלאַם
און נאָך איין קליינע רגע — דער פֿלאַם ווערט ווי אַ ים.

דאָס איז די זון די ליבע וואָס איז מיט ליכט ניט קאַרג
ווי אַלע טאָג געקומען צום ערשטן אויף דעם באַרג.

און דודע מיט דער דודע דעם וואונדער וואָס ער זעט —
איז שטייט ער מיט דער דודע ווי אין אַ הינערפּלעט.

נאָר דודע האָט אַ דודע און וויים שוין וואָס און ווען
איז כאַפּט ער דאָ די דודע און דודעט ווי ער קען.

ער דודעט אויף דער דודע און פֿילט ניט זיינע טריט.
און מיט דעם דודעם דודען די זון זי דודעט מיט.

עס דודען מיט די טאָלן פֿון נאָענט און פֿון ווייט
עס דודען מיט די ביימער, דאָס גראָז און ביטערקייט.

און מיט דער זון אין איינעם זיין דודע רופֿט און וועקט
די וועלט וואָס ליגט פֿאַרשלאָפֿן אין שאָטנס נאָך פֿאַרשטעקט.

און אָט — פֿון אַלע זייטן אַ טומל און אַ גאַנג,
באַשעפֿענישן קומען מיט קולות און געזאַנג.

צום ערשטן קומען פייגל פון נעסטן און פון צווייג,
און עופות אַלע מינים פון הויפן און פון שטייג.

און קעץ פון אויפנאויוונס די ליפּן נאָך אין שמאַנט,
און הינט פון אַל די נאָרעס וואָס כאַפּן ניט פון האַנט...

און בהמות מיט די אייטערס ביז צו דעם גרינעם גראָז
און ביקעס מיט די הערנער מיט רינגען אין דער נאָז

און שקאַפּעס אין טאַבונעס מיט לאָשיקלעך ביים עק,
און ציגן מיט די בערדלעך און טאַמעוואַטע בעק

און שאָף אין גרויסע פוטערס מיט הערנער אין אַ ראָד
און בוציקע באַראַנעס ווי אָקערשט פון דער באָד,

אפילו גרויע האָזן וואָס שרעקן זיך אליין
פאַר יעדער שאָרך און שאָטן — זיי קומען אויך צו גיין.

אויך פליגעלעך און פלאַטערס זיי קומען פריילעך אָן;
אויך ווערעמלעך און קריכערס די גריים נאָר ווי אַ מאָן

און אויך אין ראבע פלעקן גאָטס בהמהלע איז דאָ.
אויך קומט דאָס פּיצל זשוקל וואָס לעבט איין חיה שעה.

און יעדער אויף זיין לשון, און יעדער אויף זיין קול
און יעדערער באַזונדער און אַלע אויף אַ-מאָל

זיי דודען דאָ מיט דודען און גייען מיט זיין וועג
ארויף צו דודעס ברידער די גאַנצע הונדערט טעג.

* * *

דער האָן וואָס היט דעם פּאַלאַץ, דער נאַרישער — דער האָן
איז ווי ער זעט נאָר דודען, מיט וועמען ער קומט אָן,

און ווי ער הערט דאָס דודען, דעם טומל — דעם געשריי,
איז פּאַטשט ער מיט די פליגלען און וויל שוין טאָן אַ קריי,

ווי תמיד אין אַן אומגליק דריי מאָל צו זיבן מאָל —
דערשרעקט ער זיך אין גאַנצן און ער פאַרלירט דאָס קול.

און די געטרייע היטער מיט פייל און בויגן גרייט,
ווי נאָר זיי זעען דודען און ווער מיט דודען גייט —

זיי לאָזן טיר און טויער צעטומלטע אין שרעק,
און וואַרפן פייל און בויגן און לויפן באַלד אַוועק.

הערט דודע אויף דאָ דודען און בלייבט ביים פּאַלאַץ שטיין:
צי זאָל ער גיין אין פּאַלאַץ? — צי זאָל ער ווייטער גיין? —

נאָר פון דעם וואונדער־פּאַלאַץ, נאָך איידער ווער און וואָס,
קומט באַלד ארוים דערשראָקן דער אַלטער באַלעבאָס.

און מיט זיין נאָז דער לאַנגער — אַ שנאָבל פון אַ ראָב —
ער שטייט אזוי פאַר דודען דערשראָקן פאַר זיין האָב.

נאָר מיט אַ וואָרט אַ קלוגן, ווי פאַר אַן אַלטן פּאַסט,
באַגריסט ער אונדזער דודען, באַגעגנט ער דעם גאַסט.

און דודע נעמט דערציילן וואוהין נאָך וואָס ער גייט
און אַז אָט די כאַליאַסטרע האָט אים אין וועג באַגלייט.

און אַז מען רופט אים דודע ווייל ער האָט ליב צו זיין
אַ פייפער אויף דער דודע גלאַט אין דער וועלט אריין,

און אַז ער גייט זיך ווייטער דאָ ערגעץ אויף דעם באַרג
צום וויטן עלטער־פעטער וואָס איז אַ רייך אַ קאַרג;

דער פעטער האָט אַ סימן: ער האָט נאָך פון זיין ברית
די נעגל פון אַ שפּאַרבער אויף זיינע בײדע פיס, —

איז גייט ער דאָס צום פעטער נאָך זיינע ברידער צוויי,
צי לעבן זיי אין אומגליק, צי גליק איז דאָרט מיט זיי —

ער וועט אַהיים זיי רופן, ווייל מאַמע בענקט און גאַרט,
ווייל אונטן ביי דעם שטעגל די מאַמע שטייט און וואַרט...

דער באַלעבאָס פון פּאַלאַץ דערהערט אַזוינע רייד,
האָט אין זיין אַלטן האַרצן דערפילט אַ גרויסע פרייד.

נאָר ער באַהאַלט אין האַרצן די פרייד ווי זי איז גרויס,
און ער באַהאַלט אין האַרצן פון דודען וואָס ער וויים...

אַז דודעס ברודער פרעסער איז אויף זיין קיך פאַרנאַרט
און איז דער אייבער־קוכער און אויף זיין מזל וואַרט.

נאָר באַלד — מיט זיסע מינעס און מיט אַ גוטן גלעט
מיט ריידעלעך מיט פאַלשע האָט דודען איינגערעדט,

אַז אויף דעם באַרג דעם הויכן, איז חוץ זיין פּאַלאַץ דאָ
אויף טויזנט מייל און ווייטער קיין שטיבער נאָר ניטאָ,



ער דודעט מיט זיין דודע און פילט ניט ווינע טריט.

און אַז זיין עלטער־פעטער — דער באַרג האָט ניט געדאַכט,
מסתמא האָט די מאַמע אַ טעות דאָ געמאַכט.

און דודע זאָל פאַרבלייבן אין פּאַלאַץ ווי ביי זיך
און זיין דער בעסטער פאַסטעך פון אַלע זיינע פיך,

ווייל דודע וואָס ער דודעט גלאַט אין דער וועלט אריין
וועט אויף דער וועלט דער גאָרער דער בעסטער פאַסטעך זיין.

ער זאָל די סטאַדעס פאַשען און דודען — צו געזונט;
און ער זאָל רואיק וואַרטן ביז נאָר זיין מזל קומט . . .

איז דודען שטאַרק געפעלן די רייד פון באַלעבאָס,
און ער פאַרגעסט אין גאַנצן וואוהין ער גייט נאָך וואָס,

און אַז אין טאָל ביים שטענגל די מאַמע שטייט און וואַרט . . .
און דודע בלייבט אין פּאַלאַץ פאַרנאַרט, אַריינגענאַרט.

נאָר דודע מיט דער דודע ער ווערט אַ גאַנצער העלד,
ער איז דער בעסטער פאַסטעך און טרייבט אין גרינעם פעלד

די פיך — די גרויסע סטאַדעס און היט זיי גוט און פיין
און דודעט אויף זיין דודע גלאַט אין דער וועלט אריין.

ער דודעט אויף דער דודע פון ליכטיקן קאיאָר,
אַ זומער מיט אַ ווינטער אַ קיילעכדיקן יאָר.

* * *

און אונטן ביי דעם שטענגל די מאַמע שטייט און וואַרט
אַ זומער מיט אַ ווינטער, זי שטייט ווי אָפּגענאַרט.

זינט דודע אין שוין נעלם, איז אָט אַ יאָר פאַרביי,
און גאַנצע צוויי — זינט פוילער, און פרעסער — גאַנצע דריי.

און מאַמע קען ניט וואַרטן ביז פּאַווע ברענגט צו איר
דריי בריוועלעך געשריבן אויף ווייסנקן פּאַפּיר.

און קען זיך ניט דערוואַרטן אויף אירע קינדער דריי;
אַ קינד פאַרגעסט אַ מאַמען, נאָר מאַמע בלייבט געטריי.

איז נעמט די מאַמע טראַכטן אַז איצטער דאַרף זי גיין
צו זוכן אירע קינדער אין שווערן וועג אליין.

איז נעמט די מאַמע פּאַקן איר טאָרבע — איר פאַרמעג
צו גיין די קינדער זוכן אין ווייטן שווערן וועג.

איז נעמט זי אויף דער פּלייצע די טאָרבע מיטן עק...
און לאָזט זיך מיט דעם שטעקל אין שווערן וועג אַוועק.

איז גייט זי צו די קינדער אַרויפצו אויף דעם באַרג
צום ווייטן עלטער-פעטער וואָס איז אי רייך אי קאַרג.

איז גייט זי באַרג אַרויפצו, אַ מאַמען איז ניט שווער,
זיווישט דעם שווייס פון פּנים און פון איר אויג די טרער.

אַ מייל שוין אָפּגעגאַנגען און קוים שוין וואָס זי קריכט...
ערשט אויבן, באַרג-אַרויפצו זי זעט אַ לויטער ליכט.

און אָט — איין קליינע רגע דאָס ליכט גייט אויף אין פלאַם —
און נאָך איין קליינע רגע דער פלאַם ווערט ווי אַ ים.

דאָס איז די זון דאָך, מאַמע, וואָס איז מיט ליכט ניט קאַרג
געקומען צו באַלייכטן דיין וועג אַרויף דעם באַרג...

און מיט דער זון אין האַרצן, די טאָרבע — איר פאַרמעג, —
די מאַמע שלעפּט זיך ווייטער איר ווייטן שווערן וועג.

איז ווי זי גייט, ערשט דאָרטן, — אין גאַנצן זיבן טריט,
זי זעט צוויי שקראַבעס ליגן און גלייבט די אויגן ניט.

ווי קומען זיין דאָ שקראַבעס? — נאָר צו דער מאַמעס פּיין
דערקענט זי פוילערס שקראַבעס. און מאַמעס האַרץ פאַלט איין.

„אוי, אוי, אַ בייזע חיה האָט מיר מיין קינד פאַרצוקט!“
און מאַמע כאַפּט די שקראַבעס און קוקט אויף זיי און קוקט

און דריקט זיי צו איר האַרצן און פאַלט צו צו אַ שטיין
און גיסט מיט הייסע טרערן אין ביטערן געוויין.

איז ווי זי וויינט דאָ ביטער די מאַמע אין איר בראָך —
ערשט נעמט דער שטיין זיך רירן אַ וואַרעמער מיט מאָך.

און מאַמע מיט איר האַרצן דערהערט זי מיטאַמאָל,
ווי פון דעם שטיין נעמט רידן איר פוילער פוילערס קול:

„אָט בין איך, מאַמע גוטע, איך בין געזונט און שטאַרק
אַ שטיין איז מיר פון ליגן צעוואַקסן פון מיין קאַרק

און מאָך איז מיך באַוואָקסן ביז צו מיין סאַמע ביין,
און פויל בין איך צו ליגן, אַז ניט נאָר אויפצושטיין...“

ניט אַנדערש אַז פון אייזן דאָס האַרץ דער מאַמעס ווערט
אויב זי האָט אויסגעהאַלטן דאָס וואָס זי זעט און הערט.

און מאַמע מיט איר טאָרבע די הייסע טרערן ווישט
און אין איר גרויסן אומגליק בלייבט שטיין אַזוי צעמישט.

צי פרייען זיך צי קלאָגן ? — וואָס זאָל זי פריער טאָן ?
נאָר מאַמעס קינד און לעבן שטייט איצטער דאָך אין קאָן !

און מאַמע מיט איר ליבע און מיט אַ האַרציק וואָרט,
זי בעט זיך ביי דעם פוילן צו רירן פון זיין אָרט,

זיי וועלן איצט אין איינעם צו זיינע ברידער גיין . . .
נאָר פוילער — ליגט אַ פוילער אין מאָך אַ פוילער שטיין.

און מאַמע מיט איר ליבע און מיט אַ שטרענגן וואָרט
זי שרייט און הייסט דעם פוילן צו אויפשטיין פון זיין אָרט,

זי וועט אים העלפן אויפשטיין, זי וועט אים העלפן גיין . . .
נאָר פוילער — ליגט אַ פוילער אין מאָך אַ פוילער שטיין.

האָט אין דער מאַמעס האַרצן אַ גבורה זיך צעברענט,
און שטאַרקער נאָך פון אייזן איר ווערן ביידע הענט,

און מאַמע נעמט דעם פוילער, — אַ טרייסל און אַ ריס ! —
און שטעלט אַוועק דעם פוילער אויף זיינע ביידע פיס.

איז שטייט אַזוי דער פוילער מיט מאָך אַ פוילער שטיין.
און מאַמע טרייבט אים אונטער, נאָר פוילער קען ניט גיין.

איז זעט די גוטע מאַמע, אַז אַנדערש קען ניט זיין,
און נעמט און לייגט דעם פוילן אין טאָרבע זיך אַריין.

און נעמט אים אויף איר פּלייצע — די מאַמע איז אַ ריז —
זי וועט באַרג אַרונטער דערטראָגן ווי ניט איז.

נאָר מאַמע נעמט באַקלערן, אַז איר איז ווינד און ווי —
וואָס וועט זי טאָן אין שטיבל אָן אירע קינדער צוויי ?

און לאָזן דאָ דעם פוילן — דער מאַמען פּאַלט ניט איין —
נאָר מאַמע נעמט באַקלערן : אַז וואָס וועט זיין — וועט זיין :

זי וועט אים באַרג אַרויפצו דערשלעפּן ווי ניט איז,
זי וועט שוין האָבן כוחות — די מאַמע איז אַ ריז !

און מאַמע מיט איר טאָרבע, איר טייערן פֿאַרמעג,
זי שלעפּט זי אויף איר פּלייצע און קריכט ארויפן וועג.

* * *

דערווייל פֿאַרלויפט אַ מעשה אַז פון אַ שטאַרקן נאָס
ליגט קראַנק אין וואונדער־פּאַלאַץ דער אַלטער באַלעבאָס.

אים העלפט שוין ניט קיין רופא, קיין כישוף איז ניטאָ,
און אים איז נאָר פֿאַרבליבן צו לעבן נאָך איין שעה.

איז ליגט ער מיט זיין שנאָבל, אַ קראַנקער מאַן, אָן צייַן,
זיין שעה האָט שוין געשלאָגן, זיין שעה וועט באַלד פֿאַרגיין.

איז גיט ער מיט אַ פינגער אַ צייכן — אַ באַפעל:
צו רופן די באַדינער ביז איינעם פֿאַר זיין שוועל;

צו רופן די באַדינער אפילו פון זיין קיך,
די פֿאסטעבער אפילו וואָס פֿאַשען זיינע פיך —

ווערט תיכף אַ גערודער — באַדינער לויפן שנעל,
און אַלע אויפגעקליבן, — זיי שטייען פֿאַר זיין שוועל.

דאָ פעלט נאָר אונדזער דודע, דער דודע אונדזער העלד,
ווייל דודע היט די סטאַדעס ווייט, ווייט אין גרינעם פעלד.

איז ווי נאָר די באַדינער חוץ איינעם שטייען גרייט,
זאָגט שטיל צו זיי דער קראַנקער: „מיין לעצטע שעה פֿאַרגייט,

און איר — הערט אוים מיין ווילן, געטרייע מיינע לייט,
איך לאָז דאָ אַ צוואה און איר די עדות זייט.

דאָ אין דעם וויסן פֿאַרמעט געשריבן איז מיט גאָלד,
פֿאַרחתמעט מיט אַ טריוואַקס, פֿאַרבונדן מיט אַ טראָלד.

אין פֿאַרמעט שטייט געשריבן, אַז ווען איך מאַך שוין צו
אויף אייביק מיינע אויגן און גיי מיר אין מיין רו —

זאָל זיין פון גאָלד מיין ארון, פון גאָלד זאָל זיין די דעק,
און שטעלט מיך מיט מיין ארון אין שאַצקאַמער אַוועק

אַרום די אוצרות מיינע אויף פֿאָליצעס און פעק,
אַרום די רענדלעך מיינע אין פעסלעך און אין זעק....

איך טראָג אַ גוטן סימן אויף מיינע בײדע פיס
און צוויי פון אייך, באַדינער, זיי וויסן אים געוויס....

איז ווער עס זאָגט מיין סימן זאָל ירשענען מיין האָב.
פון מיר אַליין געהתמעט: דער שנאָבל פון אַ ראָב..."

דער קראַנקער ווערט אַנטשווינגן און וואַרט נאָר אויף אַ וואָרט.
און די באַדינער שטייען ווי צוגעשמידט צום אָרט.

זיי טראַכטן פון דעם סימן — און צייט איז שוין ניטאָ —
דער באַלעבאָס וועט לעבן נאָר קוים איין פערטל שעה...
נאָר אין זיין וויסן פאַרטעך און אין זיין הויכער הוט,
דער אייבערקוכער פרעסער, ער ווייסט אַ סימן גוט.

אַז נאָר זיין עלטער־פעטער האָט נאָך פון סאַמע ברית
די נעגל פון אַ שפּאַרבער אויף זיינע ביידע פיס;

איז דאָס זיין עלטער־פעטער דער שנאָבל פון אַ ראָב?
און דאָס זאָל זיין זיין סימן? און ווער איז יענער זשלאָב

דער צווייטער — דער באַדינער, וואָס ווייס אויך אויף געוויס
פון אַזאַ מאָדנעם סימן, וואָס האָט צוטאָן מיט פיס?

און פרעסער פרואווט זיין מזל און פרעסער טרעט ארויס
און דאָ פאַר אַלע עדות ער זאָגט דעם סימן אויס:

„אָי, אַלטער עלטער־פעטער, דו האָסט נאָך פון דיין ברית
די נעגל פון אַ שפּאַרבער אויף דיינע ביידע פיס!"

איז בלייבן די באַדינער געפּלעפטע אַלע שטיין
מיט קנאה צו דעם פרעסער, פאַרדראָס אויף זיך אַליין.

נאָר טיף אין זיך באַהאַלטן די קנאה און פאַרדראָס,
זיי זעען מיט די אויגן ווי זייער באַלעבאָס

האָט אין זיין לעצטער רגע און פול נאָך אין פאַרשטאַנד
דערלאַנגט דעם וויסן פאַרמעט גלייך פרעסערן אין האנט,

און מיט אַ לעצטן שמייכל אַוועק פון אונדזער וועלט...
זיין שנאָבל ווערט נאָך לענגער און לענגער און פאַרשמעלט.

* * *

אוי, פרעסערל, דו פרעסער, אוי בהורל דו פיין,
צי האָט זיך דיר געחלומט אַ לייט אַזאַ צו זיין?

אַז גליק זאָל דיר באַגליקן, אַז פון אַ שטאַרקן נאָס
זאָלסטו אין פּאַלאַץ ווערן דער גאַנצער באַלעבאָס?

אוי, פּרעסערל, דו פּרעסער, אין זיידנס אָנגעטאָן,
צו טראַכטן פון דיין מאַמען, צי שטייט דיר איצטער אָן ?

אוי, פּרעסערל, דו פּרעסער אין רייכקייט און אין פּראַכט
פון דיינע ביידע ברידער צי טוסטו גאָר אַ טראַכט ?

צי פּרעסער טראַכט פון מאַמען און זיינע ברידער צוויי ;
צי ברענגען זיי אין פּאַלאַץ, צי לויפן גלייך צו זיי —

דאָס וועט מען אין דער מעשה דערציילן וואָס און ווען,
דאָס וועט מען אין דער מעשה אַביסל שפּעטער זען.

דערווייל איז אונדזער פּרעסער פּאַרנומען טאָג און נאַכט,
ביז ער האָט אונדזער אַלטן אים צו זיין רו געבראַכט,

אָט ווי אין ווייסן פּאַרמעט אין דער צוואה שטייט
מיט גאָלד פון עלטער-פּעטער געשריבן פּאַר זיין טויט.

ער מאַכט פון גאָלד אַן ארון, ער מאַכט פון גאָלד די דעק ;
מען טראָגט דעם שווערן ארון אין שאַצקאַמער אַוועק,

מען שטעלט אַראָפּ דעם ארון אַרום די אַלע פּעק
די אוצרות מיט די רענדלעך אין פּעסלעך און אין זעק...

דערפּאַר איז אונדזער פּרעסער באַלוינט מיט גרויסן שכר
ער איז אין וואונדער-פּאַלאַץ דער באַלעבאָס און האַר.

אים דינען די באַדינער, זיין וואָרט איז אַ באַפעל
און זיינע וואונטשן ווערן מקוים אויפן שטעל.

איז הייסט ער תיכף גרייטן מתנות אָן אַ שיעור ;
פון דימענטן אַ האַלדזבאַנד, און זיבן פּערל שניר

און אַטלעסענע קליידער און שיכעלעך מיט גלאַנץ,
אַ זיידן שטערנטיכל, אַז גיי אין דעם אין טאַנץ.

און נאָך און נאָך מתנות דער פּרעסער גרייט און גרייט —
מתנות פּאַר דער מאַמען — איר האַרץ זאָל זיין דערפרייט.

און פּאַר די ביידע ברידער, פּאַר זיינע ברידער צוויי,
ער הייסט מתנות גרייטן אויך טייערע פּאַר זיי :

צוויי היטעלעך פון סויבל מיט פּראַנדזן און מיט קניפּ,
און שטיוועלעך די בעסטע מיט אויערלעך און סקריפּ



און דאָ האָט אים דער מולד אין בויך אַריינגעשטעקט זיין האָר}

און סאַמעטענע קאַפּטלען מיט גאָלדענע קנעפּ
און גאַרטעלעך פון זיידנס מיט גאָלדענע שטעפּ.

* * *

און פרעסער הייסט דאָ שפּאַנען אַ גאָלדענע קאַרעט
מיט קישעלעך פון זיידנס, מיט סאַמעט אויסגעבעט,

אַז ווייך זאָל זיין דער מאַמען און זיינע ברידער צוויי
צו פאָרן אין דעם פּאַלאַץ, וואו נחת וואַרט אויף זיי.

און פרעסער הייסט אויך זאָטלען די דריי די בעסטע פערד,
און צוויי די בעסטע רייטער מיט די לאַנגע בערד

זיי זאָלן וואַרטן גרייטע, ער רייט מיט זיי צום טאָל,
צום שטיבל, וואו זיין ווינגל געשטאַנען איז אַמאָל.

— איז נעמט גאָר ניט קיין רגע, קיין זאַך איז ניט פאַרזוימט.
וואַרט פרעסערס פערד ביים פּאַלאַץ געזאָטלט און געצוימט.

שפּרינגט פרעסער אין זיין זאָטל, האַלט איין זיין גוטן פערד,
און באַלד נאָך אים די רייטער מיט די לאַנגע בערד.

און פרעסער רייט דער ערשטער, דאָס בייטשל טוט אַ פּאָך, —
רייט פרעסער צו דער מאַמען, די רייטער רייטן נאָך.

און האָפּ-גאַלאָפּ די רייטער, זיי לויפן האָפּ-גאַלאָפּ,
און פליען צו צום שטעגל, וואָס פירט צום באַרג אַראָפּ.

איז ווי די רייטער לויפן, ערשט פרעסערס פערד האַלט איין,
און שפּיצט אין שרעק אן אויער. — וואָס קען אזוינס דאָ זיין ?

און פרעסער אויף זיין זאָטל און אויף זיין גוטן פערד,
און באַלד נאָך אים די רייטער מיט די לאַנגע בערד —

זיי זעען ווי אַנקעגן, אַן אַלטע פון ניט הי,
זי שלעפּט אַ גרויסע טאָרבע צוויי-מאָל די גרויס ווי זי.

זי שלעפּט די גרויסע טאָרבע, איר יאָך און איר פאַרמעג,
און ווישט דעם שוויים פון פּנים און קוים זי קריכט אין וועג.

די טאָרבע בייגט איר פּלייצע, נאָר זי וועט אָט, אָט, אָט,
דעם אויבן באַרג דערגרייכן, זי דאַרף נאָר טאָן איין טראָט !

נאָר דאָ איז זי געפאַלן אָן כוחות צו דער ערד...
און פרעסער און די רייטער זיי שפּרינגען פון די פערד —

און פרעסער לויפט דער ערשטער, די רייטער לויפן נאָך
צו העלפן יענער אַלטער וואָס פאַלט שוין אין איר יאָך . . .

* * *

אוי, פרעסערל, דו פרעסער, דו בחורל, דו פיין,
דאָס איז דאָך ניט קיין אַלטע גלאָט אין דער וועלט אריין !

דאָס איז דאָך אונדזער מאַמע פאַרקראָכן אַזש אַהער
מיט אַזאַ שווערער טאָרבע — אַ מאַמען איז דען שווער ?

און וואָס זי טראָגט אין טאָרבע — זי טראָגט איר גרויסן בראָך,
איר נאָענט קינד, איר פוילער, אַ שטיין מיט גרינעם מאָך !

נאָר נעמען אַלע הימלען און מאַכן וויים פּאַפּיר
און טינט — פון אַלע ימען, און נעמען אָן אַ שיעור

פון אַלע גענדז די פּעדערס — וואָלט ניט געסטייעט רייד
דער מאַמעס פרייד דערציילן און אונדזער פרעסערס פרייד.

נאָך אונדז וואָלט דאָך ניט סטייען קיין גוטע רייד פאַר זיי
צו טרייסטן זיי אין טרויער און שטילן זייער וויי,

ווען פרעסער און די מאַמע אין גאָלדענעם קאַרעט
אויף קישעלעך פון זיידנס מיט סאַמעט אויסגעבעט

זיי פירן אין דעם פּאַלאַץ די טאָרבע מיט דעם שטיין,
און דודע איז נאָר נעלם און נעלם זיין געביין.

* * *

אוי, דודעלע, דו דודע, דו בחורל, דו פיין,
דו דודעסט דיר דיין דודע גלאָט אין דער וועלט אריין.

דו ביסט דער בעסטער פּאַסטעך, און ביסט אַ גאַנצער העלד,
דו היטסט די גרויסע סטאַדעס אין וויטן גרינעם פעלד

און ווייסט ניט אַז אין פּאַלאַץ, דאָ תיכף פאַר דיין נאָז
דיין אַלטן עלטער-פעטער האָט צוגעדעקט דאָס גראָז,

און אַז דיין ברודער פרעסער איז דאָ דער גאַנצער לייט,
און אַז דיין גוטע מאַמע איז אויך דאָ ביי דיין זייט ;

אַז אין די רייכע זאַלן דער פוילער ליגט זיך פויל —
אַ שטיין מיט מאָך פאַרוואָקסן און אים איז זייער וואויל ! —

אים זיצט ביים זייט די מאַמע און היט און גיט אים נאָך . . .
און קעמט מיט זיבן קאַמען פון אים דעם גרינעם מאָך ;

זי קעמט מיט גרויסע קאַמען, זי קעמט זיין יעדער גליד,
זי קעמט און קעמט כסדר, זי קעמט און איז ניט מיד.

נאָר מער זי זאָל ניט קעמען — אַליין מערער וואַקסט דער מאָך...
איז וויינט זי אויף זיין מזל, און אויף איר איינן בראָך.

איז וויינט זי אויף זיין מזל און יאָמערט אַלע שעה
וואָס דודעלע, איר דודע, איז נעלם — און ניטאָ.

אוי, דודעלע, דו דודע, נו, זאָג שוין דו אַליין,
צי הערסטו ניט פון וויטן דיין מאַמעס שווער געוויין?

* * *

נאָר פרעסער אין דעם פּאַלאַץ, דער באַלעבאָס און האַר,
ער גייט אַרום פאַרטרויערט פון מאַמעס טיפן צער.

אים גייט ניט איין דאָס עסן, אים גייט ניט איין דער שלאָף,
און טראַכט נאָר פון דעם פוילער און פון זיין וויסטן סוף.

ער טראַכט נאָר פון דעם דודע: צי בלאָנדזשעט ער אין וועג? —
צי האָט אַ בייזע חיה פאַרקירצט אים זיינע טעג?

אים גייט ניט איין זיין פּאַלאַץ, זיין האָב גייט אים ניט איין;
וואָס טוט מען מיט דעם פוילער? און וואו קען דודע זיין?

דער פוילער... ווי דער פוילער... ער האָט זיין סוף פאַרדינט,
נאָר דודען מיט דער דודע, אַך, אַך, ווען ער געפינט!

און פרעסער אין די זאַלן, ער גייט אַרום פאַרטראַכט
און רק ער טראַכט פון דודען און שלאָפט ניט דורך דער נאַכט.

איז רופט ער דעם באַדינער וואָס היט דאָ ביי זיין שוועל,
איז רופט ער דעם באַדינער און גיט אים אַ באַפעל:

צו זאָטלען אין פרימאָרגן די דריי די בעסטע פערד
און צוויי די בעסטע רייטער מיט די לאַנגע בערד,

זיי זאָלן וואַרטן גרייטע אין וויטן וועג אריין,
זיין ברודער צו געפינען אַז וואו ער זאָל ניט זיין.

און דעם באַפעל געגעבן — און איצטער איז שוין שפּעט,
גייט פרעסער רואיק שלאָפן אין זיין פוכאָווער בעט.

* * *

דאַרף טרעפן גראַד וואָס דודע איז אין דער זעלבער נאַכט
אין פעלד ארום די סטאַדעס געזעסן און באַטראַכט

דעם יונגן, הויכן מולד מיט הערנער פון אַ קו,
וואָס ניט ער מאַלעגיירעט און ניט ער מוקעט מו —

און ניט ער האָט אַ פּאַסטעך, און ניט ער גייט אין שטאַל,
און ניט ער בראָדזשעט טרינקען צום פרישן זיסן קוואַל.

איז דודע מיט דער דודע, איז ווי ער זיצט און טראַכט
האָט אים דער הויכער מולד די אויגן צוגעמאַכט.

פון האַנט איז אים די דודע געפאַלן צו די פיס,
און דודע אָן דער דודע, איז איינגעשלאָפן זיס.

און דאָ איז אים אין חלום דער מולד שטיל אַראָפּ
און האָט געוויזן דודען די הערנער פון זיין קאָפּ:

„די הערנער מיינע, דודע, דאָס זיינען ברידער צוויי,
אַ פּאַסטעך — זייער מאַמע, אַ שטאַל — אַ היים פאַר זיי.

און מאַלעגיירען, דודע, און רופן מאַ-מע-מו,
און טרינקען פרישע וואַסער און פון דעם קוואַל דערצו —

דאָס איז גערעדט געוואָרן, ווען איך האָב ערגעץ וואו
אַ מאַמע מיט צוויי ברידער, אָט, דודעלע, ווי דו...״

און דאָ האָט אים דער מולד אין בויך אריינגעשטעקט
זיין שאַרפן רעכטן האָרן און האָט אים אויפגעוועקט.

ווען דודע האָט מיט ווייטיק פון שלאָף זיך אויפגעכאַפּט
האָט ער אין שרעק זיך תיכף דעם בויך ארומגעטאַפּט . . .

ערשט וואו און ווער און ווען — און דודע האָט דערזען,
אַז דאָס איז אויף צוקלוימערשט אין חלום אים געשען.

נאָר דודע האָט פאַרשטאַנען דעם חלום און זיין מיין,
אַז ערגעץ וואַרט אַ מאַמע, און אַז ער דאַרף נאָר גיין

די ברידער צו געפינען און ברענגען זיי אַהיים
אין טאָל אין קליינעם שטיבל פון ברעטער און פון ליים.

און דודע אונדזער דודע, און דודע אונדזער העלד,
ער לאָזט די סטאַדעס איבער אַליין אין מיטן פעלד

און לויפט אַוועק צום פּאַלאַץ צום אַלטן באַלעבאָס,
ער זאָל אויף אים, אויף דודען, ניט האָבן קיין פאַרדראָס,

ווייל דודע מיט דער דודע — ער איז שוין ניט קיין שנעק,
און ווי ער איז געקומען — מיט דעם וועט ער אַוועק...

נאָר דודע האָט פאַרגעסן און האָט נאָר ניט געטראַכט,
אַז איצטער שלאָפט דער פּאַלאַץ פאַרהילט אין טיפער נאַכט.

און דודע לויפט צום פּאַלאַץ און קלאַפּט אין פּאַלאַץ אָן,
און וועקט פון שלאָף דעם טיפן דעם נאַרישן דעם האָן,

און יענער הייבט אָן קרייען דריי מאָל צו זיבן מאָל
און וועקט דעם גאַנצן פּאַלאַץ מיט ווילדער שרעק אין קול.

און די געטרייע היטער מיט פייל פון בויגנס — שיס! —
און אָט — דער גאַנצער פּאַלאַץ שטייט וואַך אויף זיינע פיס...

און די געטרייע היטער, קיין רגע ניט געטראַכט,
זיי צינדן די לאַמטערנעס און לויפן אין דער נאַכט —

זיי לויפן און זיי פּאַקן דעם פּאַסטעך אונדזער העלד,
וואָס לאָזט די סטאַדעס איבער ביינאַכט אין מיטן פעלד

און קומט אין פּאַלאַץ קלאַפּן אין טיפער האַלבער נאַכט...
איז האָט מען אונדזער דודע אין פּאַלאַץ באַלד געבראַכט.

* * *

און אונדזער גוטער פרעסער, וואָס האָט זיך נאָר געגרייט
צו פאָרן אין פרימאָרגן פון רייטער צוויי באַגלייט

אַרומצוזוכן דודען אויף וועגן אוים און איין —
זיין ברודער צו געפינען אַז וואו ער זאָל ניט זיין —

האָט איצט געברענט אַ בייזער מיט צאָרן און מיט שטראָף
צו דעם וואָס האָט די העזה צו שטערן אים דעם שלאָף.

איז כאַפּט ער דאָ אַ בייטשל און טראָגט זיך ווי אַ בליץ
דורך אַלע זיינע זאַלן און נעמט דערלאַנגען שמיץ

דעם פּאַסטעך — אונדזער דודען... ער האָט אַזוי געברענט,
אַז ער האָט אין זיין צאָרן זיין ברודער ניט דערקענט!

אַ גליק נאָר וואָס די מאַמע דערהערט אין גרויסן גוואַלד
איר דודעס ווילדע קולות איז אָנגעלאָפן באַלד...

און אַז אין אונדזער מעשׂה זאָל זײַן אַ גוטער סוף —
האָט אונדזער ליבער דודע געכאַפּט אַ גרינגע שטראָף :

אײן שמיץ נאָר מיט דעם בײַטשל . . . ווײַל באַלד האָט מען געלאַכט,
געקושט זיך און אין פֿרײדן ביז ווײַסן טאָג פֿאַרבראַכט.

* * *

און איצט, אַז אונדזער מאַמע האָט שוין דערלעבט די שעה
אין נחת און אין גדולה צו זײַן אין פּאַלאַץ דאָ

די גאַנצע באַלעבאָסטע און מיט איר הויזגעזינד, —
מיט צווײ אַזעלכע קינדער, — באַטש פּוילער, מאַמעס קינד,

אַ שטײן מיט מאָך פֿאַרוואָקסן, ער ליגט בײַ זיך אין זאַל, —
גײט איצט די מאַמע פּראַווען אַ שׂמחה מיט אַ באַל.

גײט מאַמע באַלד פֿאַרבעטן צום באַל פֿון גרויס ביז קלײן
די דינער און באַדינער ; און מאַמע בעט אַלײן

צו אָנטאָן איר אַ כּבֿוד און פֿרײען זיך דערבײַ,
ווען מאַמע גײט זיך פֿרײען מיט אירע קינדער דרײַ . . .

און פּרעסער רופֿט די קוכערס און זאָגט זײ אַלע אָן,
אַז ווי און וואָס צו גרײטן און ווי מען דאַרף עס טאָן.

און דודע רופֿט די קלעזמער און זאָגט זײ אַלע אָן,
אַז ווי און וואָס צו שפּילן און מיט אַ וועלכן טאָן.

איז נעמען אַלע קוכערס, קײן רגע ניט געטראַכט,
פֿאַרקאַשערן די אַרבל און שוויצן טאָג און נאַכט,

און באַקן, פּרעגלען, בראָטן, און גיסן, מישן ווײַן,
און גרײטן צו אַ סעודה, אַז בעסער קען ניט זײַן.

איז נעמען אַלע קלעזמער, קײן רגע ניט געטראַכט,
און מאַכן אַ קאַפּעליע און ריפּען טאָג און נאַכט,

און גרײטן צו די פֿרײלעכס צו פֿרײען אַלע געסט
און פֿרײלעכס פֿאַר דער מאַמען צו פֿרײען זי צום בעסט . . .

און שבת נאַכט אין פּאַלאַץ, אין שפּיגלדיגן זאַל,
שפּילט פֿרײלעכס די קאַפּעליע און ס'הײבט זיך אָן דער באַל.

די טירן שטײען אָפֿן, עס נעמען קומען געסט,
די דינער און באַדינער, פֿאַרפּוצט און אויסגעפּרעסט . . .



די מאמע טאנצט א רוקאדיל.

שפּילט שטאַרקער די קאַפּעליע מיט פידל און מיט פלייט
הוי, ברייטער, מאַכט אַ וואַרע — הוי, הוי, די מאַמע גייט!

און אָט קומט אָן די מאַמע מיט אירע קינדער דריי;
די מאַמע גייט די ערשטע, און הינטן אין אַ ריי

דער פרעסער און דער דודע און טראָגן מאַמען נאָך
דעם פוילער — זייער ברודער, דעם שטיין מיט גרינעם מאָך.

די מאַמע גייט אַ שטאָלצע אין אירע רייכע ציר:
אין דימענטענעם האַלדזבאַנד פון זיבן פּערל שניר,

און אין אַ קלייד פון אַטלעס, אין שיכעלעך מיט גלאַנץ,
אין זיידן שטערנטיכל, צו גיין אין דעם אין טאַנץ.

און אַלע דריי — די ברידער, — אויך פוילער — אויך דער שטיין —
זיי זיינען אויסגעפּוצטע מיט אַלע זיבן חן:

אין היטעלעך פון סויבל מיט פראַנדזן און מיט קניפּ,
אין שטיוועלעך די בעסטע מיט אויערלעך און סקריפּ,

אין סאַמעטענע קאַפּטלען מיט גאָלדענע קנעפּ,
און גאַרטעלעך פון זיידנס מיט גאָלדענע שטעפּ.

שפּילט שטאַרקער די קאַפּעליע און שטאַרקער פון דאָסניי
אַ פריילעכס פאַר דער מאַמען מיט אירע קינדער דריי.

שפּילט שטאַרקער די קאַפּעליע, און פרעסער אין אַ ראָד,
ער כאַפּט ארום די מאַמען און טאַנצט אַ קאַראַהאָד.

שפּילט שטאַרקער די קאַפּעליע און דודע טראַכט ניט פיל
און כאַפּט אַרום די מאַמען און טאַנצט אַ רוקאָדיל.

שפּילט שטאַרקער די קאַפּעליע, און אַלע פלעכטן טריט
און טאַנצן מיט דער מאַמען, מיט מאַמען אין דער מיט.

און סאַרווערס מיט די טאַצן דערלאַנגען פאַר די געסט
די ווינען און מאכלים; איז טרינקט מען און מען עסט, —

איז עסט מען די מאכלים, איז טרינקט מען גוטן וויין,
איז טאַנצט מען מיט דער מאַמען ביז וויסן טאָג אריין.

איז טאַנצן מיט דער מאַמען, מיט מאַמען אין דער מיט,
די לאָמפּן און די דילן, די ווענט און דער סופיט,

דער פּאַלאַץ טאַנצט אפילו — ער קען ניט רואיק שטיין —
מיט זיינע זיבן זיילן פון ריינעם מירמלשטיין,

און אויך דער האָן פון פּאַלאַץ דער נאַרישער דער האָן,
ער טענצלט מיט דער מאַמען העט פון זיין אויבנאָן.

נאָר ניט געטאַנצט מיט מאַמען און מאַמעס הויזגעזינד,
האָט ניט דער עלטער-פּעטער, און פוילער — מאַמעס קינד.

ווייל אין אַ שווערן ארון און מיט אַ שווערער דעק,
ליגט איינער, היט די אוצרות אין פּעסלעך און אין זעק;

און ווייל מיט מאָך פאַרוואָקסן, ווי גאָרניט אויף דער וואָר,
ליגט ווי אַ שטיין דער צווייטער דורך אַלע זיינע יאָר . . .

נאָר יענער האָט כאַטש אוצרות געלאָזן אויף דער וועלט,
און אויף דעם באַרג אַ פּאַלאַץ אויף וואונדער אויפגעשטעלט,

און פוילער — בלייבט אַ פוילער, אַ פוילער שטיין אין מאָך
און אייביק פאַר דער מאַמען אַ שווערער, שווערער יאָך!

זאָל כאָטש דעם פוילערס מזל מיט וויסטע ווינטן גיין,
דער סוף פון אונדזער מעשה זאָל פריילעך זיין און שיין;

און זאָל דעם פוילערס מזל, וואו אוים און אויך וואו איין
פאַר קליינע און פאַר גרויסע אַ גוטער ביישפּיל זיין.

# אַ מעשהלע אין גראַמען
# פון דריי זין מיט אַ מאַמען



פארלאג
קינדער-רינג
ביי דעם
ארבעטער רינג
בילדונגס קאמיטעט
ניו יאָרק, נ.י.